NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13161

PINKELEKH, DER KLEYNER

Ernest Thompson Seton

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערנעסט טאמפסאן-סעטאן.

I.

פּינקעלעך

II.

דער קליינער העלד

אידיש—מ. רובינשטיין

№ 29.

פארלאג
דאס בוך
ביאליסטאק

ערנעסט טאמפסאן-סעטאן.

I.

פינקעלע

II.

דער קליינער העלד.

פארוואָס די פינקעלעך פארלירן איינמאל אין יאָר דעם פארשטאַנד.

שוין לאנג, לאנג איז דאָס געווען. אין צפון אמעריקע איז נאָך קיין ווינטער ניט געווען. די פינקעלעך *) מיט זייערע משפחות האָבן לעבעדיק און לוסטיק ארויסגעטאנצט אין די וועלדער. פון קיין דאגות האָבן זיי ניט געוואוסט, קיין אנדער ארבעט, אחוץ הנאה פון דער ליכטיגער וועלט, האָבן זיי ניט געהאט.

מיטאמאָל האָט זיך צוטראָגן איבערן וואלד א שלעכטע בשורה: בייזע געסט קלייבן זיך אהער: דער ווינטער און דער פראָסט — און שלעפן מיט זיך הונגער און עלנט.

די קריינדעלעך און זייערע קרובים האָבן זיך שטארק דערשראָקן. זיי האָבן געמאכט אסיפות, זיך געעצהט, ווי אזוי צו פליען קיין דרום, אין די ווארימע לענדער.

טאמטיט אָבער (אזוי האָט מען אים גערופן לויט די קלאנגען פון זיין ליד), דער פירער פון דער מחנה פינקעלעך, האָט זיך צולאכט פון דער גאנצער וועלט. צען מאָל איבערגעקוליעט זיך ארום א צווייג און געזאָגט:

*) פינקעלע — בדויפיגעלע (СИНИЦА)

אוועקטראָגן זיך ערגעץ, הינטער די הרי חושך? וואָס נאָך? וואָס פעלט מיר דאָ? פראָסט, שניי. עט — באָבע מעשיות: ניט געשטויגן ניט געפלויגן.

אלע פייגעלעך זיינען געווען שטארק צוטראָגן פון דער נייער בשורה. די אלגעמיינע שטימונג האָט סוף כל סוף ארומגעכאפט א סך פינקעלעך. זיי האָבן אפילו אויפגעהערט אויף א ווילע שפילן זיך, כדי צו כאפן א שמועס מיט די קרובים.

יענע האָבן דערציילט, אז ס'איז א סכנה דאָ צובלייבן, מ'מוז מאכן א וויטע נסיעה אין ווארימע לענדער. אָט די נסיעה דארף געדויערן א סך טעג, פליען מוז מען ביינאכט, כדי אויסמיידן די שונאים, די שפארבערס, חוצדעם איז דער וועג אָפט שטורמיש.

אויסגעהערט, האָבן זיך די פינקעלעך ווידער צולאכט און געזאָגט, אז ס'איז א משוגעת זיך לאָזן אין אזא וועג. מיט פרייעכע לידער האָבן זיי זיך זאָרגלאָז צוטראָגן איבערן וואלד און ווי פריער זיך געשפילט אין יאָגעניש.

אלע פייגעלעך האָבן געמאכט הכנות אין וועג אריין און נאָכגעפרעגט, ווי מ׳פליט צו דרום.

דער גרויסער ברייטער טייך, וואָס פליסט אויף דרום, די לבנה אויפֿן הימל, די ווילדע גענז, וואָס פליען אויך צום דרום האָבן זיי געדארפט ווייזן די וועג.

ארויספליען האָבן זיי באשלאָסן ביינאכט און אין וועג כסדר זינגען כדי ניט פארלירן איינע די אנדערע אין דער פינסטערניש.

פארן אָפפליען האָבן זיך די פייגעלעך צוזעצט אויף די בוימער. די פינקעלעך האָבן מיט גרויס לארעם באגלייט זייערע קרובים און כסדר חוזק געמאכט פון זיי.

— ווי נאָר די לבנה איז ארויס פון אונטער די וואָלקנס, האָט זיך די גאנצע מחנה וואנדערער מיט אמאָל א הייב געטאָן, געזע-גנט זיך מיט די פינקעלעך און זיך געלאָזן אין דער ריכטונג אויף דרום.

מיט טומל האָבן זיך די פינקעלעך צוטראָגן איבערן פאר-יתומטן וואלד.

— אונז וועט נאָך זיין א סך בעסער אָן די משוגעים. — האָבן זיי געטענעט צווישן זיך, — סארא רחבות איצט אין וואלד. און די גאנצע שפייז וועט טאקע בלייבן פאר אונז אליין! מיט נאָך גרעסערן חשק האָבן זיי גע-טאנצט און געשפרונגען איבערן וואלד.

ביני לביני האָט זיך אָנגערוקט דער קאַלטער ווינטער, סאיז ארויסגעפאלן א געדיכטער שניי. די פינקעלעך זיינען דערצו ניט געווינט, און זייער לאגע איז געוואָרן קלאָגעדיק;

די זאָרגלאָזע און לעבנסלוסטיקע פייגעלעך האָבן מיט אמאָל דערפילט דעם טעם פון הונגער און קעלט. הילפלאָז האָבן זיי זיך געוואָרפן אין אלע זייטן און אומזיסט געזוכט אין גרויסן וואלד א לעבעדיקן נפש, וואָס זאָל זיי געבן אן עצה, ווי אזוי צו פליען צו דרום.

ווילד זיינען זיי געפלויגן איבער די וועלדער, און זיינען פון זינען אראָפּ.

זיי האָבן זיך דערמאָנט, אז די וואנדערער זיינען געפלויגן איבערן טייך, נאָר גיי דערקען דעם טייך, אז אלץ ארום איז פארטראָגן מיט שניי.

איינמאָל האָט א בלאָז געטאָן א וואַרימער דרום־ווינטעלע— ער האָט געבראַכט א גרוס פון די פייגעלעך, וואָס לעבן זיך זייער גוט אין די ווייטע מקומות. ער האָט זיי אויך אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלן שוין ניט האָפן אויף א הין צופליען. דערפאר, וואָס זיי זיינען ניט געפלויגן מיט די חברטעס, וועלן זיי תמיד מוזן ווינטערן דאָ, אין די וועלדער.

די פינקעלעך האָבן שלום געמאכט מיט זייער גורל און זיך גענומען צופאסן צום נייעם לעבן.

ס'איז אוועק א קנאפע וואָך, און אונזערע פייגעלעך זיינען

ווידער געוואָרן מונטער, האָבן געטאנצט איבער די פארפראָרענע צווייגעלעך און זיך ווידער געשפּילט אין יאָגעניש.

קומט אָן די בייזע קעלט אָדער טראָגט זיך איבערן וואלד א שניי שטורעם, באהאלטן זיי זיך אין די ווארימע נעסטעלעך, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט אין די אלטע אויסגעהוילטע בוימער.

זיי האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג, אז דער בייזער־ווינטער וועט סוף כל סוף אוועקגיין.

און ווי נאָר ס'גיט א בלאָז א ערב פרילינגדיקער ווינטעלע, גיט איינע א זונג:



דער פרילינג קומט!

און דער כאָר
כאפט אונטער!

דער פרילינג גייט!

זייערע פריילעכע קולכעלעך פארהילכן דעם וואלד. ביי די מענטשן איז א שמחה, א גדולה; זיי ווייסן, אז די נבואה פון די קליינע אנזאָגערקעס וועט מקוים ווערן.

און ביז היינטיקן טאָג קומט מיט זיי פאָר איין מאָל אין יאָר א מאָדנער שנוי: אין די שפּעטע הארבסט־טעג, ווען אין איינזאמען וואלד רוישט א פראָסטיקער ווינט, פארלירן זיי אויף א פאָר טעג דעם פארשטאנד: ווי פארסמטע פליען זיי צווישן די בוימער און ווארפן זיך ווילד אין אלע זייטן, מ'קען זיי דאמאָלסט בעפינען אויף די לאָנקעס, אין די סטעפעס, אין די שטעט, אין

די קעלערן, קוימענס — בקיצור, אומעטום, וואו זיי דארפן ניט זיין.

אויב איר וועט אין יענע טעג א פינקעלע אין אזא אָרט, זייט וויסן, אז זי איז אהין אריינגעפאלן, זוכנדיק דעם וועג אין די ווייטע ווארימע מקומות.



II.

דער קליינער העלד.

דער קליינער העלד.

טשינק איז נאָך געווען א קליין הינטעלע. געהאלטן האָט ער זיך-פאר א גרויסן, בייזן, שטארקן הונט.

אין דער אמתן אָבער איז ער געווען א גוטינקער, ל'אנגזאמער, נאַרישער און טומלדיקער הינטעלע. איין גרויסע מעלה האָט ער געהאט: מיטן גאנצן הארצן געטריי געווען זיין באלעבאָס.

טשינקס באלעבאָס, ביל אבריי, אן אלטער בארג-יעגער האָט געלעבט אין יעלעווסטאנער פארק, כמעט ביים סאמע שפיץ פון בארג גארנעט. דאָס איז געווען א שטילער ווינקעלע, ווייט פון ברייטן שליאך. אחוץ דעם געטרייעם טשינק, האָט ביל ניט געהאט קיין איינציקן חבר.

טשינק האָט קיין פינף מינוט ניט געקענט רוהען. ער איז גרייט געווען צו טאָן אלץ, נאָר ניט זיצן רואיק. —

ער האָט תמיד געשטיפט, געטומלט, זיך גענומען צו אלץ און ניט געטראכט צי ער איז בכוח אָדער ניט.

איינמאָל האָט ער זיך א גאנצן פרימאָרגן אָפּגעמאטערט ארויפצו־קלעטערן אויף א הויכער, גלאטער סאָסנע, וואו ס'איז געזעסן א וועווי־יאָרקע, וואָס האָט זיך מיט אים גערייצט.

עטלעכע וואָכן נאָכאנאנד האָט אים געמאטערט דער פאר־לאנג צו כאפּן איינעם פון די פּעפּערס, וואָס האָבן געשווויבלט און געגריבלט אין דעם שכנישן טאָל. לעם בארג גארנעט. אָט די קליינע חיהלעך האָבן א טבע צו זיצן אויף די הינטערשטע פיסלעך, פעסט צוגעדריקט די פאָדערשטע צום ברוסט און אויסנעצויגן ווי א סטרונע מ'קען זיי לייכט אָננעמען פאר פלעקלעך, ארייננעשטעקטע אין דער ערד.

ניט איינמאָל האָב איך און מיינע וועג־חברים. זיך טועה געווען. מיר פלעגן אָננעמען די שורה אומבאוועגלעכע פעפּערס פאר פעניעס אָדער קלעצלעך און זיך לאָזן צו זיי, כדי אויף ביינאכט צובינדן אונזערע פערד. קומען מיר צו נאָענט, ווערן זיי מיט א שניידנדיקן קוויטש_גלייך נעלם אין דער ערד, אין זייערע קונציק פארשטעלטע לעכער.

געקומען אין דאָזיקן געגנט, האָט זיך טשינקן גלייך דעם ע שטן טאָג פארוואָלט כאפּן א פּעפּער. גענומען האָט ער זיך צום

עסק, ניט ווי מ׳דארף. ער האָט זיך פארגנבעט אויף א ווייטן שטך פון ארט וואו די פעפערס זיצן און זיך געלאָזן צו זיי, קריכנדיק אויפן בויך. דאָס קריכן איז אים אָבער גיך נמאס געוואָרן. האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס און מיט א הילכיקן ביל און געוואלדיקע שפרונגען געלאָפן גלייך און אָפן אנטקעגן די פעפערס, וואָס זיצן זיך גאנץ רואיק און קוקן אים אומבאַוועגלעך און בייגעריק אָן. אָט איז ער שוין גאָר נאָנט און איז גרייט צו פאקן איינעם פון זיי מיט די ציין, ווערן זיי אָבער תיכף אלע נעלם פון אונטער זיין

נאָז, לאָזנדיק מיט די הינטערשטע פיס גאנץ הויפנס זאמד אין זיין אויפגעעפנטער מויל אריין. אונזער שלימזלדיקער יעגער שפרינגט אָפּ צוריק, הוסט זיך פאנאנדער און שפייט.

טשינק איז אָבער ניט נתפעל געוואָרן. א טאָג נאָך א טאָג האָט ער א לאנגע צייט איבערגעחזרט די שפיל און תמיד געהאַט די זעלבע מפלה.

ער האָט זיך איינגעעקשנט און איז געווען זיכער, אז געדולד וועט אים סוף כל סוף ברענגען צום נצחון.

איינמאָל האָט ער באמערקט א גרויסן פעפער, וואָס איז געזעסן ניט ווייט פון בילס געצעלט. אָפּגעלאָפן א שטיק צוריק, האָט ער אויף זיין נארישן שטייגער, דורכגעפירט די יאכט מיט

אַלע פרטים. נאָכן לעצטן גרויסן שפרונג האָט ער דאָסמאָל געפּאקט זיין קרבן. מלא שמחה האָט ער זיך מיט די ציין איינגעביסן אין דעם כלומרשטן פעפער, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א פשוטע קלעצל, וואָס א פארבייפאָרער המט אריינגעשטעקט אין דער ערד, כדי צובינדן זיין פערד.

ס'איז כדי געוועזן צו זען, ווי אונזער לא יוצלח האָט מיט גרויס חרפה איינגעניורעט דעם עק, אראָפּגעלאָזן די קאָפּ און די אויערן און זיך אוועקגעשלעפּט אין געצעלט נאָך דער מעשה האָט ער א צייט ניט באוויזן.

לאנג האָט זיך טשינק פון די מפּלות ניט מצער געווען. מיט גרויס חשק און טומל האָט ער ווייטער געארבעט מעשים, אבי ס'איז נאָר געווען ארום וואָס צו שמייען.

יעטווידער פארבייגייער, רייטער און וועגל האָט ער געמוזט נאָכלויפן און בילן, הגם ער איז קיין בייזער הונט ניט געווען.

אָט לויפט פארביי א קאץ פון שכנישן ביידל, האלט אונזער גבר פאר זיין הייליקן חוב צו טרייבן איר צוריק א היים.

ער איז געווען גרייט צוואנציק מאָל א טאָג צו לויפן נאָך דעם באלעבאָס אלטע הינטל, וואָס יענער האָט הכיון געוואָרפן אין דעם וועספּצ-נעסט, כדי צוליב טאָן דעם קליינעם שטיפער.

טשינק איז קיינמאָל ניט געווען פארמאטערט און האָט געקענט בילן, שפרינגען, לויפן גאנצע טעג און אויפהער.

ניט אלץ פלעגט אים אָפּגיין גלאט. ביסלאכווייז האָט ער

זיך דערוואוסט, אז די פורמאנעס האָבן לאנגע בייטשן און בייזע הינט, די פערד האָבן שטאַרקע קאָפּיטעס, די פארבייגייער — שטעקנס, די קעלבער — קרובים מיט שטארקע הערנער, די שטילינקע קעצעלע פארוואנדלט זיך אָפּט אין א טכויר, און וועס פּעס זיינען ניט קיין פלאטערלעך.

ס׳איז אוועק א היבשע צייט ביז אונזער הינטל איז געוואָרן איינגעהאלטענער, פארזיכטיקער און האָט באקומען מער שכל.

II.

די שטענדיקע מפּלות האָבן געווירקט: טשינק איז געוואָרן געזעצטער, רואיקער און פארהארטעוועט. די גרעסטע השפּעה האָט אויף אים געהאט דער פּסק, וואָס ער האָט געכאפּט אין דער מעשה מיט א וואָלף. דער דאָזיקער וואָלף האָט געהאט זיין מקום מנוחה ניט ווייט פון בילסביידל, ביי וועמען איך בין געווען אין יענער צייט צו גאסט. דער וואָלף האָט אוודאי געוואוסט, אז דער יעלעווסטאנער וואלד איז א מקום מקלט פאר די דאָרטיקע ווילדע חיות, וואו ס׳שטייען אפילו זעלנער, וואָס היטן אָפּ, טען זאָל זיי ניט אָנרירן. זיכער פון סכנות, פלעגט דער וואָלף יעטווידער נאכט קומען צו אונזער לאגער זוכן שיריים פון אונזער עסן.

לכתחילה האָב איך באמערקט שפּורן פון וואָלף אין שטויב, ווייטלעך פון אונזער ביידל, א סימן, אז ביינאכט בלאָנדזשעט ער אין אונזערע מקומות. בין השמשות און באגינען פלעגן מיר הערן זיין מאוימדיקן וואען.

אויפגעשטאנען און אויף גיך זיך איינגעוואשן, פלעג איך ארויסגיין דערקענען לויט די שפורן, וואָס פאר א מין געסט, מיר האָבן היינטיקע נאכט געהאט. הארט ביים מיסטקאסטן זיינען בולט געווען די שפורן פון וואָלף.

אין א צייט ארום האָט ער זיך אָנגעהייבן באווייזן אויך ביי טאָג, לכתחילה פאַרזיכטיק, זיך גנבענדיק, שפּעטער אָבער דרייסטער און דרייסטער, ביז ביז ער איז דערגאנגען דערצו, אז ער פלעגט לאָקערן איבער אונז טאָג ווי נאכט. גראבלט ער זיך ניט אין מיסטקאסטן, זעצט ער זיך ערגעץ אויף א בערגל, גאַרניט באהאלטן.

איינמאָל האָבן מיר געטאָן א גרויסע נארישקייט. בעת דער וואָלף איז געזעסן אויף איין בערגעלע ניט ווייט פון אונז, האָט ביל א געשריי געטאָן צו זיין ליבלינג: — אנו טשינק! זע נאר, — אָט דאָרט זיצט דער וואָלף און מאכט חוזק פון דיר, און דו שווייגסט אים! גיי און טרייב אים אוועק!

איך האָב אונטערגעהאלטן דעם נארישן שפאס. טשינק האָט תמיד געפּאָלגט און געזוכט עפּעס א מלאכה, כדי נושא חן זיין ביי אונז. ער האָט מיט אימפּעט זיך געוואָרפן צום וואָלף, וועלכער האָט זיך לכתחילה גיך געלאָזן אין וואלד אריין. טשינק נאָך אים. ער האָט אים נאָכגעיאָגט אויף א ווייטן מהלך. פּלוצלונג שטעלט זיך דער וואָלף אָפּ און קערט זיך אום צום נאָכיאָגער. טשינק האָט דערזען, אז ער איז מאוס אריינגעפאלן און מיט זיינע גאַנצע

כוחות געמאכט פּליטה, דער וואָלף שיז אָבער געווען לייכטער און פלינקער און האָט דעם הינטל גיך דעריאָגט.

דער וואָלף האָט אים מיט די ציינער געצופּט פון אלע זייטן. טשינק האָט פארצווייפלט געשריען, געבילט און געלאָפן אין איין אָטעם. דער וואָלף איז אויף א האָר ניט אָפּגעשטאנען און כסדר געצופּט. דערלאָפן צו אונז, איז טשינק לויז געוואָרן פון שונא.

פון דענסטמאָל אָן האָט טשינק אויסגעמיטן דעם וואָלף און זיך געהאלטן ווייט פון אים. יענער האָט אים אָבער ניט פאר־געסן און כסדר גערודפט. פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן דרייסטער און הזעהדיקער. אומעטום האָט ער אָפּגעהיט דעם הינטל, וועלכער האָט נאָר געדארפט דעם נאָז ארויסשטעקן, ווי דער וואָלף איז ווי פון אונטער דרערד אויסגעוואקסן, אים געביסן און און געריסן ביז דער אומגליקלעכער הינטל פלעגט נעלם ווערן איןביידל.

אפילו צוזאמען מיט אונז האָט טשינק קיין רו ניט געהאט פון זיין שונא, וואָס האָט זיך א פנים נוקם געווען אָן דעם קליין הינטעלע, וועלכער האָט זיך דערוועקט באליידיגן אים, דעם גרויסן וואָלף.

גייען מיר ארויס אויף א שפאציר, דער וואָלף איז גלייך דאָ און גנבעט זיך הינטער אונז, זוכנדיק א גוטע געלעגנהייט א צופּ טאָן, א ריס דעם הינטל אָדער גלאט ניט לאָזן הנאה האָבן

פון שפאציר. מיט בייטשן אָדער שטיינער פלעגן מיר דעם עזות
פנים. האלטן ווייט פון אונז.

בקיצור דער וואָלף האָט אים פארביטערט דעם לעבן, וואָס
איז פאר טשינקן פול געוואָרן מיט פיין און ליידן.

III.

ביל אבריי האָט ליב געהאט דעם ביטערן טראָפּן. בעת די
דאָזיקע קריינק פלעגט אים באפאלן און ס'פלעגט אים ציען צו
משקה, האָט ער געהאט א טבע אריבערפעקלען זיך נענטער צו
א שיינק.

ס'עקלט צו זען אמענטשן, מיט וועלכן דו לעבסט, א
א שיכורן, אפילו א קורצע צייט. ווען ביל האָט מיר דערקלערט,
אז ער זוכם א בעסערן מקום פאר זיין פערד, האָב איך גלייך
פארשטאנען, וואָס דאָס באטייט, און זיך מיט אים אָפּגעזעגנט.

אין א צייט ארום האָב איך זיך דערוואוסט א פיינע גע-
שיכטע פון טשינקס העלדישקייט, וואָס האָט פאסירט, בעת זיין
באלעבאָס האָט געשיכורט.

ביים אריבערוואנדערן אויפן נייעם אָרט, האָט ביל, אגב
בדעה געהאט באפרייען רעם געטרייען הונט פון זיין העזהדיקן
שונא: דער כיטרער וואָלף האָט זיך אָבער בגנבה אויך אריבער-
געטראָגן נענטער צו זיי.

דער ביטערער טרונק האָט אויף בילן געבראכט אלע צרות.

אויסגעטרונקען איין כוסה, ציט עס אים גלייך צו א צווייטער און א דריטער. ווי ביל האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער דירה, איז ער גלייך אוועקגעפאָרן הינטער די בערג א הוליע טאָן אין שיינק אריין.

שוין זיצנדיק אויפן פערד, האָט ער אָנגעזאָגט דעם הונט:

— טשינק, היט אָפּ מיין ביידל!

טשינק איז געבליבן איינער אליין דער גאנצער באלעבאָס אין ביידל.

הגם טשינק איז נאָך געווען א קליינער הינטל, האָט דער באלעבאָס גוט געוואוסט, אז ער וועט געטריי אָפּהיטן זיין האָב און גוטס.

שפּעט, נאָך א האלבן טאָג איז פארבייגעגאנגען א יעגער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און, ווי תמיד, א געשריי געטאָן:

— היי, ביל! הער נאָר, ביל!..

קיין תשובה איז ניטאָ. האָט ער זיך דערנעענטערט צום אריינגאנג. דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויפן הינטל, וואָס האָט אָנגעהויבן ווילד בילן און ווייזן די ציין.

דער יעגער האָט פארשטאנען, אז דער באלעבאָס איז ניטאָ, און האָט זיך אָפּגעטראָגן.

אוועקפאָרנדיק האָט ביל פארגעסן צו לאָזן עסן פארן קליינעם שומר. אויפן טיש איז, אמת, געלעגן א נישקשהדיקע שטיק

וואורשט, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט א שטיקל פּאַפּיר. ער האָט אָבער זיך ניט דערוועקט צורירן זיך צום געשמאַקן ביסן אָן בילס דערלויבניש. זיין הינטישער כבוד האָט אים ניט געלאָזן נעמען פון באַלעבאָס גוטס.

בעת די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, און די האַרץ האָט אים געחלשט, איז טשינק אַרויס פון געצעלט, עפּעס איבערצוכאַפּן אויף וועטשערע. ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו מאַכן א פּאָר טריט, ווי פאַר אים איז אויסגעוואַקסן דער וואָלף. קוים מיט צרות האָט ער זיך געראַטעוועט אין געצעלט.

דער וואָלף, ווי איטלאַכס עזות פּנים, וואָס שטייסט זיך ניט אָן אויף קיין ווידערשטאַנד, האָט אפילו בדעה געהאַט, אַריינצורייסן זיך אין געצעלט. דאָ האָט זיך טשינק מאָדנע אומגעביטן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פליכט, און אָט די מחשבה האָט אים באַגייסערט, ווי ס׳ווערט באַגייסטערט א קאַץ פון דער סכנה, וואָס שטייט פאַר אירע קעצעלעך, און זי פאַרוואַנדלט זיך אין א אמתן טיגער.

ס׳איז אים געווען ניט צו דערקענען; דער קליינער, גוטינקער, נאַרישער, פחדנישער הינטעלע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אן אמתן בייזן קלוגן און מוטיקן הונט, וואָס איז גרייט זיך מקריב זיין פאַר זיין באַלעבאָס פאַרמעגן.

מיט צושויבערטע האָר, בייזע פייערדיקע אויגן און צאָרנדיקע בורטשען, איז טשינק געשטאַנען אויפן שוועל פון געצעלט.

חיות פארשטייען זיך אויף גוטס און שלעכטס, יושר און אומיושר, מוט און פחדנות. דאָס רעכט איז געווען אויפן צד פון מוטיקן הונט, און זיין שונא האָט עס קענטיק, געוואוסט.

מיט פארדראָסיקן וואיען איז דער וואָלף אָפּגעטראָטן צו־ריק און האָט זיך, מסתמא, פארשוואָרן ביי דער ערשטער גע־

לעגנהייט מאכן פון הינטל א תל.

דער וואָלף האָט אָנגעהייבן אן אמתע באלאגערונג, מיט מאוימדיקע געשרייען האָט ער זיך געדרייט ארום געצעלט און געגראבלט מיט די הינטערשטע פיס די ערד. צייטנווייז האָט ער אריינגעקוקט מיט זיינע בלוטיקע פייערלעך אין שטערן אין האלב-אָפענעם אריינגאנג. דער קליינער שומר האָט זיך, נעבעך, אין הארצן שטארק געשראָקן, איז אָבער געבליבן מוטיק, בעת דער וואָלף פלעגט זיך דערנענטערן.

ס׳איז אוועק די נאכט, און דער טאָג איז געקומען. דער באלעבאָס האָט זיך אלץ ניט געוויזן. דער קליינער הינטעלע האָט זיך געמאטערט פון הונגער, דורשט און שרעק. נאָך עטלעכע מאָל, בעת זיין שונא, אויך א הונגעריקער, האָט זיך דערווייטערט, כדי קריגן עפעס צום עסן, איז ער געלאָפן צום טייכל אויף גיך זיך אָנטרינקען, איבערצוקייען האָט ער גארניט געפונען.

אמת, גלייכער פאר אלץ וואָלט געווען זיך נעמען צו די וואורשט. דער באלעבאָס וואָלט אים דערפאר קיין וואָרט אפילו ניט אויסגערעדט, זיין הינטישע לבבות האָט אים אָבער אונטער-געזאָגט, אז ס׳איז גלייכער אויסגיין פון הונגער, איידער ברעכן דעם באלעבאָס צוטרוי.

גאנצע פיר מעת-לעת האָט ביל געשיכורט און פארגעסן זיין איבערגעגעבענעם געטרייען חבר, וואָס האָט אין טויט-שרעק און הונגער-ליידן אָפגעהיט זיין האָב און גוטס פון וואָלף.

דער בייזער גזלן האָט געפּרובט כלערליי קונצן און המצאות, כּדי ארויסצונארן דעם קליינעם העלד פון ביידל און אים צורייסן אויף פּיק־פּיצלעך.

ערשט אויפן פינפטן טאָג האָט זיך ביל אויפגעכאפּט מיטן באוואוסטזיין, אז ער איז ניט ביי זיך אין דערהיים און אז דער הינטל איז געבליבן איינער אליין אין שטוב. זיין קריינקלעכער מצב איז אריבער. ער האָט זיך אָנגעשיכורט צו זעט. איצט האָט אים געעקלט אפילו דער ריח פון די בראנפן.

א ניכטערער האָט ער זיך געלאָזן אויפן פערד צו זיין מקום מנוחה.

אויף א האלבן וועג האָט ער זיך געכאפּט, אז ער האָט גאָרניט געלאָזן פאר זיין ליבלינג צום עסן. — מיין הינטל האָט זיך אוודאי ניט צוגערירט צו די ווורשט, וואָס איך האָב, דוכט זיך, געלאָזן אויפן טיש — האָט ער ביי זיך געטראכט, — בין איך ניט ווערט דעם שטעקן, לחלוטין פארגעסן מיין געטרייען טשינק! פארשאָלטענע משקה! וויפל צרות זי מאכט אָן! און אפשר איז ער גאָר אויסגעגאנגען פון הונגער!! דאָס האָט מיר נאָך געפעלט!.. ע. — ער האָט געמוזט עפּעס פּאקן אין וואלד אָדער אויף דער לאָנקע. ער איז דאָך עפּעס א בריה אויף כאפּן מייז אָדער אנדערע שווארץ יאָרן...

בארואיקט פון די לעצטע מחשבות, האָט ער צוגעריטן א

זיין ביידל און דערזען אויפן שוועל דעם מוראדיק אויסגעדארטן טשינק, און אקעגן אים — דעם מעכטיקן וואָלף.

— אהא, דער בייזער נפש איז גאָר דאָ! — האָט אויסגע־שריען דער אלטער יעגער און איז גיך אראָפּגעשפּרונגען פון פערד.

— אָרימער טשינק, א שרעק, וואָס דו האָסט געהאַט אויס־צושטיין פאר דער קורצער צייט. ס׳איז נאָך א חידוש, אז דו ביסט לעבן געבליבן. און די ביידל איז גאַנץ!

דער העלדישער טשינק האָט אויסגעהאלטן דעם לעצטן אָנפאל פון שונא. די כוחות זיינען אים אויסגעגאנגען. די פיס האָבן זיך געטרייסלט פון הונגער און שרעק. אין די אויגן אָבער האָט געגליט א מוטיקער פייערל: ער איז גרייט געווען געטריי צו שטארבן אויפן שוועל פון באלעבאָס ביידל.

ביל האָט געוואָרפן א בליק אין געצעלט און באמערקט, אז די ווארשט איז גאַנץ. הייסט עס, דער געטרייער הונט האָט פינף טעג געהונגערט!

העין טשינק איז צוגעקראָכן צום יעגער און מיט זיינע גו־טע אויגן אריינגעקוקט אים אין פנים, ווי ער וואָלט זאָגן: „איך האָב אלץ געטאָן, ווי דו האָסט געהייסן. איך האָב אָפּגעהיט דיין באלעבאטישקייט, ווי איך האָב געקענט" — האָט דער אלטער יעגער ניט אויסגעהאלטן און דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן זיך צעוויינט. ביל האָט אים צוגעדריקט צו זיך און געקושט אין קאָפּ.

דער קליינער העלד האָט פריילעך געדרייט דעם עק.

ביל האָט אָפּגעשניטן א גרויסע שטיק ווארשט און צער־
טלעך דערלאנגט דעם הונט.

ווען טשינק האָט געשטילט דעם הונגער, האָט דער באלע־
באָס הארציק צו אים געזאָגט:

— טייערער חבר, איך, אלטער אולטאי, האָב זיך מיאוס
מיט דיר באגאנגען, זיי מיר מוחל! דו ביסט א סך בעסער פון
מיר. איך וועל זען דיר אָפּדאנקען מיט וואָס איך וועל נאָר קע־
נען, פאר די ליידן און פיין, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט די
אומגליקלעכע טעג. מער וועסטו ניט בלייבן אליין: איך וועל דיר
אומעטום מיטנעמען. פריער פאר אלץ מוזטו לייז ווערן פון דיין
העזהדיקן שונא, ס׳מעג מיר קאָסטן, וואָס עס וויל, ערשט דא־
מאָלסט וועסטו רואיקער לעבן

תוך כדי דבור האָט ער אראָפּגענומען פון וואנט דער
ביקס, האָט אים גוט באטראכט און איז ארויס פון געצעלט.

דער וואָלף איז געזעסן גאָר נאָענט, ווי ער וואָלט חוזק גע־
אאכט ניט נאָר פון היגטל, זאָר אויך פון זיין באלעבאָס. דאָס
האָט נאָך מער אריינגעבראכט דעם יעגער אין כעס.

ס׳האָט זיך דערהערט א קנאל, א גוססדיקער קוויטש, און
טשיקנס שונא איז שוין מער ניטאָ,

ווען מען ארט עס וואָס שפעטער זיינען געקומען די סאָל־
דאטן, האָבן צוגענומען דעם ביקס, אים מיט זיינע בעבעכעס

ארויסגעשיקט פון פארק און אָנגעזאָגט זיין פוס זאָל דאָ מער ניט זיין. ביל האָט זיך עס צום הארצן ניט גענומען.

פארלאָזנדיק דעם פארק, האָט ביל גערעדט צו זיין ליבלינג:

— פארן קרבן, וואָס דו האָסט מיר געבראכט, האָב איך דיר מקריב געווען אלץ, וואָס איך האָב געקענט, לאָמיר גיין אין דער וועלט זוכן פאר זיך א ווינקעלע.

פארלאג „דאס בוך“ ביאליסטאק.

ארויס פון דרוק.

טש. דיקינס „דאמבי און זון“

דזש. לאנדאן דער פארעטער

„ „ טשאאו און טשאאו

פראפ. באגדאנאוו קהלשע קארגזיצער

גארשין קינסטלער

ראבינדראנא—טאגאר נאציאנאליזם

I.

„Pinkełech"

II.

„Der Kleiner Held"

Tłumaczono M. Rubinsztein

מיט באשטעלונגען ווענדט זיך

Białostockie wydawnictwo „Książka"

Białystok, ul. Nadrzeczna 16 B. Tabaczyński.

№ 20 192[illegible]

Drukarnia Zbara, Białystok